# א מעשה'לע

גליון י"ד

פרשת קרח תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## שְׁכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער
## אַז עֶס אִיז נָאר דִי קוּ

אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין?! מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט! דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דִי מַאמֶע מִיט דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען זֵייעֶר קוּ אִיז טוֹיט; זֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶע קוּ, זֵייעֶר פַּרְנָסָה; וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין, פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?!

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי וִוי דֶער טַאטֶע, רֶבִּי אַהֲרֹן קוּמְט אַהֵיים; רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער אִיז גֶעוֶוען אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, אַלֶע הָאבְּן אִים לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט טַאקֶע גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין שְׁטוּבּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאט עֶר יָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ.

אַלֶע הָאבְּן גֶעוְויסְט פוּן רֶבִּי אַהֲרֹן; דִי גַאנְצֶע דֶערְפְל קוּבְּלִיטְשׁ הָאבְּן גֶעקֶענְט דֶעם טֵייעֶרְן אִיד רֶבִּי אַהֲרֹן, אוֹיךְ דֶער פָּרִיץ פוּן



אוֹי גֶעוֲואלְד, דִי קוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן!

קוּבְּלִיטְשׁ הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט אִים גֶעשָׂאנְקֶען אַ מַתָּנָה אַ קוּ. וֶוען זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם קוּ הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן'ס וַוייבּ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, זִי הָאט גֶעזָאגְט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער; יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועלְן מִיר מֶעלְקְן דֶעם קוּ אוּן פַארְקוֹיפְן פְרִישֶׁע וַוארֶעמֶע מִילְךְ, מִיר וֶועלְן הָאבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן בְּרוֹיט פַאר דִי קִינְדֶער".

אֵיין אִינְדֶערְפְרִי זֶעעֶן זֵיי וִוי דֶער קוּ לִיגְט טוֹיט אוֹיף דֶער עֶרְד, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען: "אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין?! מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט! פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?!"

רֶבִּי אַהֲרֹן קוּמְט אַהֵיים אוּן הֵייבְּט אָן טַאנְצְן: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" אַהֲרֹן - שְׁרֵייט זַיין וַוייבּ: - "וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען, פַארְוָואס טַאנְצְטוּ? דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז דֶער קוּ אִיז טוֹיט?! פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?" רֶבִּי אַהֲרֹן זָאגְט אִיר: "טַאקֶע פַארְדֶעם טַאנְץ אִיךְ; אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ לֶעבְּסְט, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק".

דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, עֶר זוּכְט דָאס גוּטְס, עֶר וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים שְׁלֶעכְט; וֶוען זַיין קַאר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ הֵייבְּט עֶר אָן טַאנְצְן: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעדֶער אִיז גֶעזוּנְט", וֶוען עֶפֶּעס אִין שְׁטוּבּ צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ טַאנְצְט עֶר אוּן זִינְגְט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

לָאמִיר אַלֶע צוּזַאמֶען טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען: **"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אוּנְזֶער שֵׁיינֶע לֶעבְּן!"**

# ספר המידות

שִׂמְחָה - חלק א׳

ח. עַל יְדֵי
הָרִקּוּדִין
וְהַתְּנוּעוֹת
שֶׁאַתָּה עוֹשֶׂה
בַּגּוּף, נִתְעוֹרֵר
לְךָ שִׂמְחָה.

ח. דוּרְכְ׳ן
טַאנְצְן אוּן
מַאכְן
בַּאֶוועגוּנְגֶען
מִיטְ׳ן קֶערְפֶּער,
וֶועסְטוּ וֶוערְן
פְרֵיילִיךְ.



קול ברסלב

212.444.9191
845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691